# פרשת בהעלותך י"ג - י"ט סיון תשפ"ב לפ"ק

*יום ראשון פרשת בהעלותך*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ז סעיף ד') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

*וזה תוכן הדברי תורה:*

**אין** מדרש (ב"ר מג-ח) שטייט, מהיכן זכו ישראל לברכת כהנים, פון וואו האבן יודען זוכה געווען צו ברכת כהנים, מאברהם, פון אברהם אבינו. ביי אברהם אבינו שטייט (בראשית טו-ה) כה יהיה זרעך. מען געפונט נישט ביי אנדערע מצות, אז מען זאל פרעגן אזא קשיא, מהיכן זכו. עס איז דא רמ"ח מצות עשה אין די תורה, אויף יעדע מצוה פרעגט מען פון וואו מען האט זוכה געווען דערצו?! וואס איז די מהיכן זכו ישראל לברכת כהנים.

**עס** איז דא א גמרא (ברכות ה.) אז דער אייבערשטער גיט נישט קיין חכמה, נאר פאר קלוגע מענטשען. איינער וואס איז שוין א חכם, גיט צו דער אייבערשטער חכמה. אבער דער באשעפער גיט נישט צו קיין חכמה, פאר איינעם וואס איז א טיפש. די גמרא ברענגט דערויף א פסוק פון נ"ך (דניאל ב-כא) און א פסוק פון די תורה (שמות לא-ו), ובלב כל חכם לב נתתי חכמה. אויב ער איז א חכם לב, וועט אים דער אייבערשטער צוגעבן חכמה. אבער טאמער עס פעלט די התחלה פון חכם לב, גיט נישט דער אייבערשטער צו חכמה. דער אייבערשטער איז א כל יכול, פארוואס נאר פארן חכם, קען ער צוגעבן חכמה. פארוואס קען ער נישט אויך געבן חכמה פאר דעם נאר.

**נאר** די גמרא (נדה טז:) זאגט, אז פאר א מענטש ווערט געבוירן, קומט דער מלאך און ער ברענגט די טפה פארן אייבערשטען, און ער פרעגט צו דער מענטש זאל זיין א חכם צו א טיפש, צו ער זאל זיין א עני צו א עשיר, א גבור אדער א חלש, און דער אייבערשטער פסקנ'ט אן פאר יעדן. אבער צדיק ורשע לא קאמר, דאס איז א בחירה. פארוואס ענטפערט דער אייבערשטער פאר איינעם אז ער זאל זיין א חכם, און פאר איינעם א טיפש. פאר איינעם א עני און פאר איינעם א עושר. ער פארגינט נישט אז יעדער זאל זיין א חכם, אדער יעדער זאל זיין א עושר? איז דאך נאר, ווייל יעדער מענטש האט א תפקיד, פארוואס ער קומט אראפ אויף די וועלט. און דער אייבערשטער ווייסט די סיבות פארוואס א מענטש דארף אראפקומען אויף די וועלט, און יעדער האט זיין סיבה פארוואס ער איז געקומען, און דער באשעפער טוט צושטעלן פאר דעם מענטש אלעס וואס ער דארף האבן, כדי ער זאל קענען אויספירן זיין תפקיד אויף די וועלט.

**לאמיר** אנכאפן עשירות. אז איינעמ'ס תפקיד איז עוסק צו זיין אין צדקה און חסד, דאס איז זיין תפקיד אויף די וועלט. אז ער האט נישט קיין געלט, קען ער נישט טון. מוז על כרחך זיין אז דער אייבערשטער זאל אים צושטעלן עשירות, כדי ער זאל קענען טון צדקה וחסד. אמאל איז דא פארקערט, ער איז אמאל געווען א עושר, אפשר אין פריערדיגען גלגול, און ער האט עס נישט אויסגענוצט ווי עס דארף צו זיין, און יעצט דארף ער זיין א עני, מתקן צו זיין וואס ער האט דאס פאריגע מאל נישט געטון. איז ער יעצט א עני.

**א** חכם. איינער וואס זיין תפקיד אויף די וועלט איז צו זיין א חכם בחכמת התורה למשל, גיט אים דער אייבערשטער חכמה, ער זאל קענען אויספירן וואס זיין תפקיד איז. איינער וואס דאס איז נישט זיין תפקיד, איינער וואס זיין תפקיד איז, ער זאל זיין נכנע אונטער א צווייטען, באשאפט אים דער אייבערשטער א טיפש, ער קען נישט אליין טון גארנישט, און ער איז אלץ אנגעוויזען צו זיין א נכנע אונטער א צווייטען. עס איז אלעס מיט א חשבון פון אויבן, וואס יעדע נשמה דארף צו זיין, א חכם אדער א טיפש, א עשיר אדער א עני.

**די** גמרא (תענית כה.) פארציילט, אז רבי אלעזר בן פדת איז געווען זייער ארעם, און ער האט אמאל מקיז דם געווען, און ער האט נישט געהאט וואס אריינצונעמען אין מויל, זיך צו קענען כאפן דאס הארץ, און ער איז פאר'חלש'ט געווארן. ווען ער איז אויפגעשטאנען האט ער געזאגט פאר די חכמים וואס זענען אים געקומען באזוכן, אז ער האט זיך געטראפן מיטן אייבערשטען, און ער האט געפרעגט דעם אייבערשטען, ווילאנג גיי איך זיך נאך אזוי

מצער זיין. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, אז דו ווילסט, איך קען איבערדרייען די וועלט, אז דו וועסט נאכאמאל געבוירן ווערן, אפשר וועסטו געבוירן ווערן דעמאלטס אין אזא צייט וואס דו וועסט קענען האבן ברייט פרנסה. האט ער געזאגט פארן אייבערשטען, כולי האי ואפשר, דו גייסט איבערדרייען די וועלט, און דו זאגסט מיר נאכנישט צו אז איך וועל זיין א עושר, נאר אפשר. האט ער געפרעגט דעם אייבערשטען, וואס איז מיט מיינע יארן. האב איך שוין מער אפגעלעבט פון מיינע יארן, אדער איך האב נאך אסאך צו לעבן. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, רוב יארן האסטו שוין אפגעלעבט, דו האסט נאך א מיעוט יארן וואס דו דארפסט צו לעבן. האט ער געזאגט, אי הכי לא בעינא. לאז עס אזוי, דריי נישט איבער די וועלט.

**דאס** איז טייטש, אזוי ווי ער איז געבוירן געווארן א עני, איז דאך די טייטש, אז בשעת מען האט געברענגט די טפה פארן אייבערשטען, האט דער אייבערשטער געוואוסט אז רבי אלעזר בן פדת'ס עבודה אויף די וועלט, דארף זיין אין עניות. זאגט אים דער אייבערשטער, דו ביסט באשאפן געווארן פאר א עני, איך קען דיך נישט מאכן פאר א עושר, ווייל דיין תפקיד איז צו זיין א עני. איך קען מהפך זיין די וועלט, אפשר וועסטו באקומען א אנדערע נשמה, דו וועסט האבן א אנדערע תפקיד, וואס דעמאלטס וועסטו קענען האבן מזונות. אבער אזוי ווי דו ביסט יעצט, קענסטו נישט האבן.

**קומט** אויס אז דער אייבערשטער קען נישט געבן חכמה פאר א טיפש, ווייל אז ער איז געבוירן געווארן א טיפש איז דאך דאס מיט א סיבה, ווייל דו דארפסט אזוי זיין אויף די וועלט, קען איך דיר דאך נישט געבן קיין חכמה. אבער איינער וואס איז געבוירן געווארן פאר א חכם, איז דאך דער טייטש, אז בעצם איז זיין עבודה אין חכמה, און אז זיין עבודה איז חכמה, קען דער אייבערשטער צוגעבן ער זאל זיין א גרעסערער חכם. איינער וואס איז געבוירן געווארן צו זיין א עושר, איז דאך אין עשירות דא אסאך מדריגות, קען דער אייבערשטער אים צוגעבן אז ער זאל ווערן נאך א גרעסערער עושר. אבער נעמען א טיפש און אים מאכען א חכם, אדער טוישן אים, צו מאכען פון א עני א עשיר, זאגט די גמרא, אז דאס גייט נישט.

**אויב** אזוי, ווי אזוי קומט אויס גאנץ ברכת כהנים, אז מען בענטשט יודען, יברכך ה' בממון וכדומה. אז ער איז געבוירן געווארן פאר א עני, ווי אזוי קען ער געבענטשט ווערן בממון. נאר עס שטייט אין **מהרש"א** (שבת קנו.) אז דאס וואס מען קען נישט משנה זיין א מזל, דאס איז נאר ווען מען רעדט פון א יחיד. א יחיד וואס איז געבוירן געווארן, אויף אים קען מען נישט טוישן. אבער ווען מען רעדט פון כלל ישראל, קען מען טוישן אפילו א מזל אויך. אז נישט איז שוואר די גאנצע פרשה פון אם בחוקותי תלכו, ונתתי גשמיכם בעתם, און אז נישט, וועט זיין עניות. עס איז דאך דא א מזל ווי אזוי ער איז געבוירן געווארן. נאר א גאנצער ציבור קען טוישן. - יעצט ממילא ביי ברכת כהנים קען מען בענטשען יודען, ווייל ברכת כהנים גייט ארויף אויפן גאנצן כלל ישראל, און גאנץ כלל ישראל שטייט נישט אונטער א מזל.

**פון** וואו ווייסט מען אז גאנץ כלל ישראל שטייט נישט אונטער א מזל. דאס זעהט מען ביי אברהם אבינו. אברהם אבינו איז געבוירן געווארן מיט א מזל אז ער קען נישט האבן קיין קינדער, און דער אייבערשטער האט אים געטוישט די מזל, און עס איז ארויסגעקומען פון אים א גאנץ פאלק. צא מאיצטגנינות שלך (שבת קנו.), גיי ארויס פון דיין מזל. און דער אייבערשטער האט אים דעמאלטס געזאגט, כה יהיה זרעך, אזוי וועלן זיין דיינע קינדער. אזוי ווי איך האב דיך ארויסגענומען פון דיין איצטגנינות, און דו ביסט נישט אונטער א מזל, וועלן דיינע קינדער אויך נישט זיין אונטער א מזל.

**קומט** אויס, קען מען דאך יעצט בענטשען ברכת כהנים, ווייל ברכת כהנים בענטשט מען כלל ישראל, און כלל ישראל קען ארויסגיין פונעם מזל. אויף א אנדערע מצוה האט ער נישט געפרעגט קיין קשיא ווי אזוי מען האט זוכה געווען דערצו, ווייל דער אייבערשטער וויל געבן די מצוה, ציצית און תפלין, דארפסטו טון וואס דער אייבערשטער הייסט. אבער ווען דער אייבערשטער גיט א מצוה פון ברכת כהנים, גייט מען דאך טוישן יעצט די מזל פון דעם וואס וועט געבענטשט ווערן, ווי אזוי קען מען עס טוישן? מהיכן זכו ישראל, פון וואו האבן זיי געהאט דעם כח, אז עס זאל קענען פארקומען אזא מצוה ווי ברכת כהנים. זאגט ער, מאברהם, פאר אברהם אבינו

האט דער אייבערשטער געזאגט כה יהיה זרעך, און דער אייבערשטער האט אים געוויזען אז כלל ישראל איז נישט אונטערגעווארפען אונטער א מזל, ממילא קען זיין אז מען זאל קענען בענטשען יודען אויך.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יעקב פריעדמאן** הי"ו שהתקיים באולם לומיר.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לביקור אצל **כ"ק האדמו"ר מבאבוב 45 שליט"א**, לרגל הנחת אבן הפינה לבית מדרשו החדש.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**האדמו"ר מבאבוב 45:** בראשית בר"א, ווי אזוי פילט מען זיך?

**רבינו:** ב"ה. די ראשית העבודה איז צו זיין געזונט. אז מען האט נישט קיין געהעריגן גוף, קען מען נישט דינען דעם אייבערשטען.

**האדמו"ר מבאבוב 45:** בחמר"א טבא, דביה תחדי נפשא (זמירות יום שב"ק).

**רבינו:** די פאריגע וואך איז געווען די פרשה פון די חנוכת המזבח, די חנוכת המשכן, מענינא דיומא.

**האדמו"ר מבאבוב 45:** די פאריגע וואך איז דאך אויך געווען די פרשה ברכת כהנים. ווען מען קומט, ברענגט מען מיט גרויסע ברכות. עס איז א עקסטערע חשיבות.

**רבינו:** עס שטייט אין **אור החיים הק'** (במדבר ז-יא) אז משה רבינו האט מסופק געווען, צו ער זאל נעמען די קרבנות פון די נשיאים (רש"י שם). פרעגט דער אור החיים הק', וואס איז געווען זיין ספק? א יוד וויל מנדב זיין א קרבן פארן אייבערשטען, וואס איז די שאלה. זאגט דער אור החיים הק', אז ער האט מסופק געווען, צו די נשיאים זאלן מאכען די חנוכה, צו עס קומט פאר אהרן מיט משה. מען גייט מחנך זיין א מזבח, צו זיי זענען געווען גרויס אז זיי זאלן קענען אראפשטעלן דעם חנוכת המזבח, אפשר באלאנגט עס פאר גרעסערע פון זיי. אויף דעם איז געקומען דער ציווי קח מאתם. - אלעס ווענדט זיך אין די התחלה.

**האדמו"ר מבאבוב 45:** איך האב דא נאכפארציילט ביי דעם שמועס, אז עס איז מקובל אז ווען מען האט געבויט א נייעם בית המדרש אין די שטאט דאמבראווא, איז דער **צאנזער רב זצ"ל** געקומען צופארן פון צאנז. זעהט מען דאך פון דעם, אז עס איז שוין געווען בימים ההם אזא זאך, אז מען האט גערופן גדולים און צדיקים ביים בויען א נייעם בית המדרש.

**א' מהנוכחים:** ער איז דעמאלטס געקומען צום הנחת אבן הפינה.

**רבינו:** עס איז ווייט?

**האדמו"ר מבאבוב 45:** עס איז מסתמא דעמאלטס געווען א היבשע מהלך. היינט מיט א קאר נעמט עס מסתמא א צוויי דריי שעה. עס איז דעמאלטס געווען מן הסתם צו פארן א גאנצן טאג. דאמבראווא איז נעבן טורנא. דער צאנזער רב האט נישט גערופן די שטעט ביי די נעמען. קראקא האט געהייסען די גרויסע שטאט. אין טורנא זענען געווען צאנזער חסידים, עס איז אויך נישט געווען א קליין שטעטל. טורנא האט מען גערופן 'נעבן די גרויסע שטאט'. פון צאנז קיין קראקא איז מסתמא בערך א צוויי שעה צו פארן. און דאמבראווא איז אין גלילות פון טורנא.

*

**האדמו"ר מבאבוב 45:** די וועלט זאגט, און איך בין נייגעריג צו אין די משפחה איז אויך אזוי מקובל, אז ענקער זיידע דער **קול אריה**, איז געווען א כהן, און ער האט עולה געווען כהן שבועות ביי די אקדמות ביים צאנזער רב, זעקס און צוואנציג יאר.

**רבינו:** אזוי זאגט מען. – עס איז א פלא. ווייל דער גאנצער קול אריה איז נישט אלט געווען מער פון עטליכע פופציג יאר (הקול אריה נסתלק בשנת הששים לחייו). דאס איז טייטש, אז ער האט נאך געמוזט זיין גאר א יונגערמאן, ווען ער איז געפארן קיין צאנז (שהרי **הרה"ק מצאנז** נסתלק כבר בשנת תרל"ו, ונסע אצלו לערך כ"ו שנים, שזהו כבר בשנת תר"י בערך, בשנת כ"ו לחייו).

**האדמו"ר מבאבוב 45:** אבער ער איז שוין דעמאלטס געווען בערעגסאז'ער רב.

**רבינו:** איך געדענק נישט וועלכע יאר ער איז געווארן רב (**בתולדות קול אריה** הובא שנתכהן ברבנות בעיר בערעגסאז בשנת תרכ"א לפ"ק).

**האדמו"ר מבאבוב 45:** איך פארשטיי אז בערעגסאז איז נישט געווען א קליינע שטעטל, עס איז געווען א גרויסע שטאט.

**רבינו:** אבער יונג איז ער נאך אלץ געווען (הקול אריה נולד בשנת תקפ"ד לפ"ק).

**האדמו"ר מבאבוב 45:** ער איז נפטר געווארן אין די מ"ס?

**רבינו:** תרמ"ד.

**האדמו"ר מבאבוב 45:** ער איז נאך געווען א תלמיד פונעם **חתם סופר**?

**רבינו:** יא. ער האט געלערנט ביים חתם סופר ביי די בר מצוה. דאס הייסט אז תקצ"ז איז ער געווארן בר מצוה, און ער האט געלערנט דארט ביז ת"ר.

**האדמו"ר מבאבוב 45:** תרמ"ד, אכט יאר פריער איז געווען תרל"ו, בימים ההם איז טאקע די אריכת ימים נישט געווען אזוי ווי היינט, איז א יוד אין די דרייסיג אדער אין די פערציג, שוין געווען....

**רבינו:** ער האט געלערנט ביים חתם סופר אין דעם יאר וואס דער חתם סופר איז נסתלק געווארן. ווען דער חתם סופר איז נסתלק געווארן, איז ער נישט געבליבן אין די ישיבה, נאר ער איז געפארן דעמאלטס לערנען צום **ווערבוי'ער רב**, דער **שערי תורה**.

**האדמו"ר מבאבוב 45:** ער ברענגט אסאך דעם שערי תורה.

**רבינו:** מען האט געהאלטן אז עס איז געווען א שטיקל פגיעה אז ער האט איבערגעלאזט די ישיבה, ווייל דער **כתב סופר** האט געדארפט האבן חיזוק אין די ישיבה. דער כתב סופר איז געווען א יונגערמאן אקעגן דעם הייליגען חתם סופר. און ער האט תולה געווען די רדיפות וואס ער האט געהאט שפעטער, ער האט עס אנגעלייגט אויף דעם, אז ער האט נישט געגעבן געווען גענוג חיזוק[א].

**האדמו"ר מבאבוב 45:** מען האט געזאגט אויפן כתב סופר, אז די תלמידים זענען געווען כולם אהובים. עס איז געווען א חידוש.

---

מיר געזאגט, אז ער האט עס געהערט פונעם **ווינער רב זצ"ל**. דער קול אריה איז געווען א חריף עצום, מען קוקט אריין אין די תשובות זעהט מען זיין חריפות, אבער ער האט נישט געהאט קיין מזל אין לעבן, ער האט געהאט מחלוקת ווי ער איז געגאנגען. ער איז געווען רב אין בערעגסאז, און ער האט געמוזט איבערלאזן די רבנות, און אוועקגיין אויף מאד, צוליב די מחלוקת וואס ער האט געהאט. האט דער ווינער רב זצ"ל געזאגט, אז מען האט געזאגט, אז די סיבה פארוואס ער האט געהאט די מחלוקת איז געווען, ווייל ווען ער איז אלט געווען פערצן – פופצן יאר, איז ער געווען א תלמיד ביים **חתם סופר** אין ישיבה, דעם לעצטען יאר וואס דער חתם סופר האט געלעבט. ער איז געווען א יונגער בחור, אבער ער איז געווען א חריף, און דער חתם סופר האט זיך משתעשע געווען מיט אים.

ווען דער חתם סופר איז נסתלק געווארן, האט מען אויפגענומען דעם **כתב סופר** פאר רב אין פרעשבורג. פונעם חתם סופר ביזן כתב סופר אין די יונגע יארן, איז געווען אזוי ווי הימל מיט ערד. דער חתם סופר איז שוין געווען א זקן, און ער האט אויפגעשטעלט טויזנטער תלמידים, און באלאכטען די גאנצע וועלט מיט זיין תורה און זיינע תשובות, ער איז געווען דער רבן של כל בני הגולה ווי מען ווייסט. און זיין זון דער כתב סופר איז געווען א יונגערמאן, ער איז אלט געווען עטליכע צוואנציג יאר, ווען ער האט איבערגענומען די רבנות, מיט די ישיבה. און עס האט זיך געטון דעמאלטס צווישן די בחורים אין ישיבה, צו מען זאל בלייבן ביים כתב סופר צו נישט. עס איז געווען גרעסערע גדולי ישראל פון דעם כתב סופר אלץ יונגערמאן. און מען האט ארויפגעקוקט אויף די גוטע בחורים וואס זיי גייען טון. און דער קול אריה איז אויך געווען פון די מופלגים פון די ישיבה, און דער קול אריה האט מחליט געווען אז ער בלייבט נישט ביים כתב סופר, און ער איז אוועקגעפארן לערנען ביים **שערי תורה**, דער **ווערבוי'ער רב**, א זקן און א גאון. האט דער ווינער רב זצ"ל געזאגט, אז מען האט געזאגט, אז דאס וואס ער איז אוועקגעפארן, ווען ער האט געהאט א מעגליכקייט אויפצובויען די פרעשבורגער ישיבה, און ער האט עס נישט אויפגעבויט, האט אים שפעטער געשאדט, אז ער האט געהאט מחלוקת אינעם לעבן.

איך וויל ארויסברענגען דעם געדאנק דערפון. עס איז דא אמאל א סייעתא דשמיא, ווען א מענטש טוט א זאך, און עס דערקענט זיך נישט אויף די מינוט, אז ער האט מצליח געווען, אבער אין הימל איז דא א חשבון. שפעטער ווען מען וואקסט אויס, נעמט מען אין חשבון אז דער האט צוגעטון דערצו, אז עס זאל קענען ווערן אזא שיינער מקום תורה. איך וויל נאר פשוט געבן חיזוק פאר די וואס בלייבן, אז זיי זאלן וויסן דעם דבר גדול וואס זיי טוען, און יעדער איינער זאלן האבן סייעתא דשמיא, צו שטייגען אין תורה.

---

[א] נעתיק בזה מה שהשמיע **רבינו שליט"א** לתלמידי ישיבה קטנה עסק התורה ראחמיסטריווקא (בעת ששהו במחנינו), ביום ג' פרשת כי תצא תשע"ה לפ"ק: דעם קומענדיגען יאר עפענט מען א ישיבה גדולה אויך דא, איך הער ב"ה אז א גרויס חלק פון די בחורים בלייבען דא אין די ישיבה גדולה. יעדער דבר חדש איז פארבינדען מיט שוועריקייטן, איך ווייס עס פון אונז אויך, אבער איך וויל ארויסברענגען די זכות פון די בחורים וואס בלייבען, זיי זאלן וויסען אז דאס איז א חלק פון די סייעתא דשמיא, אז מען זאל מצליח זיין שפעטער. אויפצושטעלען א פרישען מקום תורה, וואס דער אייבערשטער וועט העלפען אז עס וועט אמאל זיין א ישיבה גדולה, [נישט נאר מיט דעם נאמען ישיבה גדולה, נאר עס זאל טאקע זיין גדולה בכמות ובאיכות], האבען די בחורים וואס האבען צוגעהאלפען דערצו א גרויסען זכות. זיי זענען די ערשטע אריינצושפרינגען דערין, און עס איז א סייעתא דשמיא וואס באגלייט שפעטער, מען קען עס נישט אנטאפן מיט די הענט יעצט, אבער עס באגלייט אויף שפעטער.

איך בין אן אייניקל פונעם **קול אריה**, איך האב קיינמאל נישט געהערט דערציילן די מעשה ביי אונז אין שטוב, אבער א ווינער תלמיד האט

**רבינו:** מען האט געהאלטן אז דעם כתב סופר'ס ישיבה, איז געווען שענער ווי דעם חתם סופר'ס.

**האדמו"ר מבאבוב 45:** דער **פריימאנ'ער רב** (הגה"צ רבי רפאל זילבער זצ"ל) האט געהערט פונעם **מהר"ש ענגיל**, א שיינעם סיפור. אז דער קול אריה איז געווען שבועות אין צאנז, און ער האט זיך מתווכח געווען מיט **רבי יעקעלע הרימלוב'ער** (בעל כוכב מיעקב), פשט אין א **ש"ך** (בחושן משפט). רבי יעקעלע איז געווען א חריף עצום, פון די גדולי ארץ. און יעדער האט געזאגט זיין פשט, און זיי האבן זיך נישט געקענט איבערווייזן ווער עס איז גערעכט. האבן זיי געזאגט, אז מען וועט גיין פרעגן דעם רב פשט. עס איז געווען שבועות פארן דאווענען, זענען זיי געגאנגען, און זיי האבן געזאגט פארן גבאי, אז זיי ווילן אריינגיין. זאגט דער גבאי, פארן דאווענען? האבן זיי געזאגט, אז זיי וויל פרעגן פשט אין א ש"ך. דער גבאי האט אנגעפרעגט, און דער צאנזער רב האט געזאגט, יא, זיי קענען אריינקומען. יעדער האט געזאגט זיין פשט, און דער צאנזער רב האט געזאגט, לא הא ולא הא, און ער האט געזאגט א דריטן פשט, און זיי זענען זייער נתפעל געווארן. האט רבי יעקעלע געזאגט דעמאלטס, ער האט געמאכט אזא ווערטל, ווען א יוד וועט מיך פרעגן וואו ער זאל פארן אויף יום טוב, וועל איך זאגן ער זאל פארן צו **רבי יוסף שאול** (בעל שואל ומשיב). ווען מען וועט פרעגן, וואו מען זאל פארן ווען מען האט א שווערן ש"ך, וועל איך זאגן, מען זאל פארן קיין צאנז... - דער מהר"ש ענגיל איז געווען דארט אין צימער, און ער האט עס נאכפארציילט.

מען זאגט טאקע, אז דער צאנזער רב האט אמאל געזאגט שבועות אויף די מילכיגע פשעטל וואס ער האט געזאגט, אז היינט האט נאר דער בערעגסאזער רב, און רבי שמואל בילגוריי'ער, דער מהר"ש ענגיל, זיי האבן פארשטאנען וואס איך האב געזאגט.

**רבינו:** איך האב געהערט פון מיין טאטען ז"ל, אז ער האט פארציילט, אז ווען דער צאנזער רב האט געענדיגט דעם פלפול, און ער איז ארויסגעגאנגען, האט ער געטראפן די בני המשפחה און רבנים וואס זענען געזעצן דארט, און זיי האבן געגעסן מילכיגס. האט ער זיך אנגערופן, קרעפלעך קענט 'עטץ' עסן, אבער די צוויי, די האבן פארשטאנען די פשעטל (עיין **בתולדות קול אריה** אות קל"ז-ח).

**האדמו"ר מבאבוב 45:** איך האב געהערט פארציילן פונעם **שטראסבורגער רב**, וואס ער האט געהערט פון זיין זיידן, דער **פתחא זוטא**. דער פתחא זוטא האט אסאך געוואוסט פון צאנז, ער איז אליין געווען אין צאנז אלץ יונגערמאן, און שפעטער איז ער געפארן קיין גארליץ. האט ער פארציילט, אז עס איז געווען א תקופה וואס דער צאנזער רב ז"ל האט געזאגט א פלפול ליל שישי. דער **אדא'ער רב** ברענגט עס אין זיין חיבור **מלחמת חובה**, אקעגן דעם **אהלי שם**, וואס ער נעמט זיך אן פארן צאנזער רב, ברענגט ער דארט ווי אזוי עס האט אויסגעזעהן די הכנה צו דעם פלפול. עס איז זייער אינטערעסאנט ווי אזוי ער שרייבט עס אראפ. על כל פנים, און ביים דעם פלפול איז דער צאנזער רב געווען היימיש, און די לומדים האט זיך געדינגען, עס איז נישט געווען קיין רבי'סטווע. דער פלפול איז געווען פאר מעריב, און עס איז געווען איינמאל וואס דער צאנזער רב ז"ל האט געזאגט, און די לומדים האבן זיך נישט פארשטאנען, און זיי האבן זיך געדינגען, און מען איז נישט ארויס, און עס האט געדויערט לאנג. אינמיטן איז געקומען צו פארן דער **קארטשינער רב**, דער **בית אהרן**, אויף שבת. האבן אים די גבאים געזאגט, גיי אריין און מאך סדר. דער רב דארף דאווענען מעריב, און עס נעמט נישט קיין עק. ווען ער איז אריינגעקומען, האט זיך דער צאנזער רב אנגערופן, אה, מיין שמואל אהרן, אזוי פלעגט אים דער צאנזער רב צו רופן, זיי פארשטייען מיך נישט, אבער דו וועסט מיך פארשטיין. און דער צאנזער רב זאגט אים איבער דעם פלפול, און דער צאנזער רב זאגט אים, וואס זאגסטו? זאגט ער, יא, עס איז זייער פיין. שיר המעלות, מען איז געגאנגען דאווענען מעריב. נאך מעריב האבן זיך די לומדים גענומען אויפן קארטשינער רב, זיי אונז מסביר. האט ער געזאגט, איך וועל ענק זאגן. איך האב אויך נישט פארשטאנען, אבער איך האב געהאט א אנזאג פון די גבאים. - דאס איז די ערשטע העלפט פון די מעשה. די צווייטע העלפט פון די מעשה איז, [**רבינו:** דאס האט אויך דער שטראסבורגער רב פארציילט?] יא. פרייטאג צו נאכטס איז דער צאנזער רב געזעסן ביים טיש, און דער קארטשינער רב איז געזעסן אויף א בכבוד'דיגע פלאץ, און די לומדים זענען געזעסן פון אונטען. אונטער די שטול, אדער אונטער די טיש. אזוי איז געווען די נוסח. און דער הייליגער צאנזער רב האט געזאגט תורה, און אינמיטן די תורה האבן די לומדים, מחמת

די תורה, געכאפט פשט אינעם פלפול. זיי האבן נישט געקענט אויסרעדן, האבן זיי זיך געקנאקט איינעם דעם צווייטען...

**רבינו:** ער האט אריינגעברענגט א הארת עינים.

**וכיבד את רבינו שליט"א לברך על היין**

**האדמו"ר מבאבוב 45:** לחיים, דער אייבערשטער זאל געבן כוחות, מען זאל זיין געזונט און שטארק, מיט אריכת ימים ושנים טובים. מרביץ תורה זיין, און אויפטון פאר יודישע קינדער, מיט גרויס סייעתא דשמיא.

**רבינו:** אמן. וכן למר, קענען ווייטער מרחיב זיין די גבולי הקדושה, מיט נחת און הרחבת הדעת, עס זאל אלעס גרינג אנקומען.

**האדמו"ר מבאבוב 45:** די עסקנים האבן צוגעגרייט, צו מען קען צולייגען צו דעם אבן הפינה, עס איז אויפן וועג ארויס, עס וועט נישט זיין קיין גרויסע טירחא. עס וועט זיין א חשיבות.

**האדמו"ר מבאבוב 45** ליוה את **רבינו שליט"א** למקום הבניה, **ורבינו שליט"א** ירה את אבן הפינה, והאציל מברכותיו לברכה והצלחה להרחיב גבולי הקדושה.

**האדמו"ר מבאבוב 45** ליוה את **רבינו שליט"א** עד המכונית, ונפרדו לשלום בברכות לרוב.

*

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל השבע ברכות של בן **הרה"ג ישראל אהרן כ"ץ שליט"א** (בן כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי יואל יעקב מרדכי טייטלבוים שליט"א**, שהתקיים באולם עטרת אסתר.

*

***יום שני פרשת בהעלותך***

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת שחרית בהיכל בית המדרש של הישיבה גדולה. לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לנכדו הבחור **משה מרדכי יהודה** נ"ו בן חדב"ן **הרה"ג רבי יואל וייסמאנדל שליט"א**. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, אחר כך הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשתתפים.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת התנאים של בת הר"ר **יואל האבערפעלד** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **מרדכי לייב דייטש** הי"ו, שהתקיים באולם בית רחל. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרב **מתתי' ציגעלהיים** שליט"א, עב"ג בן הר"ר **יואל סטרולאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **יונתן לעפקאוויטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **מנחם בצלאל גאטטעסמאן** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת בהעלותך***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **יעקב הלל** נ"ו בן הר"ר **חיים ראובן בויער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

*

***יום רביעי פרשת בהעלותך***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, והתפלל שם תפלת מנחה.

לפנות ערב נסע **רבינו שליט"א** ללעיקוואד לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **נפתלי צבי דייטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **לייב פליישער** הי"ו, שהתקיים באולם פאונטען באלרום.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של הבחור **נפתלי** נ"ו בן הרב **אברהם הערש וואזנער** שליט"א, שהתקיים באולם בית רחל.

***יום חמישי פרשת בהעלותך***
לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **נפתלי** נ"ו בן הרב **אברהם הערש וואזנער** שליט"א.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו תפארת יהושע. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **מרדכי אלעזר** (ב"ר חיים ראובן) **בויער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבועי **באור החיים הק'**. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

לפנות ערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הקבלת פנים של בן הר"ר **אהרן הערש בלוישטיין** הי"ו (ראה"ק דבית המדרש סאמבאטהעלי), עב"ג בת הר"ר **פנחס גלויבער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של החתן **שמעון** נ"ו בן הר"ר **הערשל רובין** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **ישראל שלמה פערלשטיין** הי"ו, שהתקיים באולם עמינענס.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל סעודת הילולא של אחיו **כ"ק הגה"צ אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג זצ"ל**, שהתקיים בבית המדרש תולדות אהרן.

*

***שבת קודש פרשת בהעלותך***
בקריאת התורה התקיים שמחת העליה לתורה של החתן **עזריאל יהודא** נ"ו בן הר"ר **פרץ חיים בוימהאפט** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידוש לרגל שמחת העליה לתורה של בן ש"ב **הרה"ג רבי חנניה מאיר פאללאק שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א), שהתקיים בבית המדרש נתיבות עולם.

בסיום דרשת פרקי אבות, דיבר **רבינו שליט"א** בשניה על דבר הכינוס כלל ישראל לנשים, שהאנשים יעודדו בבית להשתתף בהאסיפה, וכשיחזרו אחר הכינוס מלא התעוררות וקבלות טובות, יעודדו ויחזקו אותם להתאמץ בגדרי הקדושה, וח"ו מלומר בדיחותא וכדומה לקרר את ההתעוררות שיקבלו שם.